זייט, און האָט אָנגעהויבן צו שרייען אויף אים, אַזוי
צו זאָגן: שוין דיך, האַר! דאָס דאָזיקע זאָל דיר נישט
23 געשעען! ער אָבער האָט זיך אויסגעדרייט און
געזאָגט צו פּעטרוסן: אַוועק פון מיר, שטן, דו ביסט אַ
מכשול פאַר מיר; ווייל דו האָסט נישט אין זינען
דאָס, וואָס געהערט צו ג־ט, נאָר דאָס, וואָס געהערט
24 צו מענטשן! דעמלט האָט ישוע געזאָגט צו זיינע
תּלמידים: אויב עמיצער וויל מיר נאָכגיין, זאָל ער
זיך אַליין פאַרלייקענען, און נעמען זיין בוים און
25 מיר נאָכפאָלגן! וואָרום ווער עס וויל מציל זיין זיין
לעבן, דער וועט עס פאַרלירן; ווער אָבער עס
פאַרלירט זיין לעבן צוליב מיר, דער וועט עס
26 געפינען. וואָרום וואָס וועט עס העלפן אַ מענטשן,
אויב ער זאָל געווינען די גאַנצע וועלט, און פאַרלירן
זיין לעבן? אָדער וואָס קען אַ מענטש געבן אויסצולייזן
27 זיין לעבן? וואָרום דער בן־אדם וועט קומען אין
דער הערלעכקייט פון זיין פאָטער מיט זיינע
מלאכים; און דעמלט וועט ער פאַרגעלטן יעדן
28 איינעם לויט זיינע מעשׂים. באמת זאָג איך אייך,
אַז אייניקע פון די, וואָס שטייען דאָ, וועלן נישט
פאַרזוכן דעם טעם פון טויט, ביז זיי וועלן זען
דעם בן־אדם קומען אין זיין מלכות.

## קאַפּיטל זיבעצן

17

1 און אין זעקס טעג אַרום נעמט ישוע מיט זיך
פּעטרוסן, און יעקבן, און זיין ברודער יוחנן,
און פירט זיי אַליין אַרויף אויף אַ הויכן באַרג.
2 און ער איז פאַרענדערט געוואָרן פאַר זיי, און זיין
פּנים האָט געלויכטן ווי די זון, און זיינע מלבושים
3 זענען געוואָרן ווייס ווי דאָס ליכט. און זע, משה